גליון
# בת עין
דבר השוה לכל נפש
אידיש

גליון פז • שנה ב
פרשת ויקרא
תשפ"ה

## פָּרָשַׁת וַיִּקְרָא

### תוכן הדרוש

[א] לשון הפסוקים. / הַשְׁרָאַת הַשְׁכִינָה אויף די וואס האלטן זיך קליין. / די בחינת עֲנָוָה פון די אָבוֹת. / די דריי בחינות אֵפֶר - מָה – תּוֹלַעַת.

[ב] ביאור מאחז"ל: כָּל מָקוֹם שֶׁאַתָּה מוֹצֵא גְּדוּלָּתוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא. / די עִיקָּר בְּחִינַת קָרְבָּן. / עִיקָּר בְּרִיאַת הָעוֹלָם וועגן די בחינת אֱמֶת.

[ג] די התקרבות פון משה און אהרן צו די משכן. / א טעם אויף די קליינע 'א' פון ויקרא. / דורך שְׁמִירַת שַׁבָּת קומט צו די בחינת 'אֱמֶת'. / מְאֹד מְאֹד צָרִיךְ לִיזָּהֵר. / די עבודת ענוה ביי משה רבינו - וַיִּקְרָא מֹשֶׁה. / די קליינע 'א' פון ויקרא איז מרמז צו בחינת שַׁבָּת.

[ד] פשט אין פסוק 'אָדָם כִּי יַקְרִיב מִכֶּם'. / פשט אין פסוק 'צָפוֹנָה לִפְנֵי ד''.

### [א]

### לשון הפסוקים

**אָדָם כִּי יַקְרִיב מִכֶּם קָרְבָּן לַה' וגו'**[א] א מענטש פון אייך וועט מקריב זיין א קרבן וְגו'.

**וְשָׁחַט אוֹתוֹ עַל יֶרֶךְ הַמִּזְבֵּחַ צָפוֹנָה לִפְנֵי ה' וְגוֹ'**[ב] ער זאל שחט'ן די קרבן נעבן די זייט פון די מזבח אויף צפון זייט - פארן אייבערשטן וְגוֹ'.

> **אָדָם כִּי יַקְרִיב מִכֶּם קָרְבָּן לַה' וְגוֹ'.**
> **וְשָׁחַט אוֹתוֹ עַל יֶרֶךְ הַמִּזְבֵּחַ צָפוֹנָה לִפְנֵי ה' וְגוֹ'.**
> הִנֵּה עִיקַּר בְּרִיאַת הָעוֹלָם הָיְתָה בִּכְדֵי לִהְיוֹת לוֹ דִירָה בַּתַּחְתּוֹנִים (תנחומא נשא פט"ז)[א], בְּחִינַת הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה שֶׁהוּא עַל נְמוּכֵי רוּחַ,
>
> א. במדרש שם: באתי לגני אחותי כלה, אמר רבי שמואל בר נחמן בשעה שברא הקב"ה את העולם נתאוה שיהא לו דירה בתחתונים כמו שיש בעליונים.

### הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה אויף די וואס האלטן זיך קליין

**הִנֵּה עִיקַּר בְּרִיאַת הָעוֹלָם הָיְתָה בִּכְדֵי לִהְיוֹת לוֹ דִירָה בַּתַּחְתּוֹנִים** (תנחומא נשא פט"ז)[ג] די עיקר בריאת העולם איז געווען דער באשעפער זאל האבן א דירה אויף די וועלט, **בְּחִינַת הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה שֶׁהוּא עַל נְמוּכֵי רוּחַ** וואס דאס מיינט א בחינה פון הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה אויף די מענטשן וואס האלטן זיך קליין,

א. די לשון הפסוקים זענען: וַיִּקְרָא אֶל מֹשֶׁה וַיְדַבֵּר ד' אֵלָיו מֵאֹהֶל מוֹעֵד לֵאמֹר. דַּבֵּר אֶל בְּנֵי יִשְׂרָאֵל וְאָמַרְתָּ אֲלֵהֶם **אָדָם כִּי יַקְרִיב מִכֶּם קָרְבָּן לַהשם** מִן הַבְּהֵמָה מִן הַבָּקָר וּמִן הַצֹּאן תַּקְרִיבוּ אֶת קָרְבַּנְכֶם.

ב. ווייטער אין פסוק יא' שטייט: **וְשָׁחַט אֹתוֹ עַל יֶרֶךְ הַמִּזְבֵּחַ צָפֹנָה לִפְנֵי ד'** וְזָרְקוּ בְּנֵי אַהֲרֹן הַכֹּהֲנִים אֶת דָּמוֹ עַל הַמִּזְבֵּחַ סָבִיב.

ג. אזוי שטייט אין מדרש: **אמר רבי שמואל בר נחמן** [אזוי האט ר' שמואל בר נחמן געזאגט] **בשעה שברא הקב"ה את העולם** [אינדערצייט ווען דער אייבישטער האט באשאפן די וועלט] **נתאוה שיהא לו דירה בתחתונים כמו שיש בעליונים** [האט ער געגלוסט אז ער זאל האבן א וואוינונג אויף די וועלט אזוי ווי ער האט אין די אויבערשטעא וועלטן].

## פארווארט

כ"ק אדמו"ר מטאהש ברענגט אין זיין ספר עבודת עבודה (חלק שיחות קודש) בשם זיין זיידען זי"ע אז דערפאר פירט מען זיך צו עסן הייסע עסנווארג אין שבת, וואס כאטש אינדערוואכן קען דאס עסן הייסע עסן שאדן צום געזונט, איז אבער שבת אנדערש 'ווי הייסער אליך חשובער'.

איז טאהשער רבי מסביר די טעם ווייל שבת איז אויסגעשפרייט די 'אור' און די קדושה פון שבת אויף די גאנצע וועלט, און די ווארימקייט גייט אריין אין די שבת'דיגע מאכלים און פארדעם איז דא א ספעציעלע חשיבות צו עסן הייסע מאכלים אין שבת.

אין די קומענדיגע תורה גייט אונז דער בת עין מגלה זיין א ענליכע געדאנק אין די גרויסקייט פון שבת אז דורך היטן שבת קומט אריין אין אונז די בחינה פון ענוה וואס דורך דעם איז דער מענטש זוכה צו השראת השכינה און דורך דעם קען דער מענטש זוכה זיין צו א בחינה פון א גאולה בכלליו ובפרטיות.
מתנה טובה יש לי בבית גנזי ושבת שמה, לך והודיעם.

**ברכת מזל טוב**
להרה"ח בנן של קדושים, ידיו רב לו בהרבצת התורה וחסידות, ומסור בלב ונפש למען תורתו של רבינו, הרבני הנגיד ר' **שמואל היילפערין** שליט"א
**לרגל נישואי בתו למזל טוב.**
יעזור השי"ת שיזכה לרוות רוב נחת מזוג זה ומכל יוצאי חלציו, וזכותו הגדול של רבינו יעמוד לו להצליח בכל דרכיו, אכי"ר.

בְּחִינַת עֲנָוָה וְשִׁפְלוּת וואס דאס איז די בחינה פון ענוה און זיך קליין האלטן.

וּכְמַאֲמַר הַכָּתוּב (דברים ז, ז) 'לֹא מֵרֻבְּכֶם חָשַׁק ה' בָּכֶם כִּי אַתֶּם הַמְעַט מִכָּל הָעַמִּים' און אזוי ווי עס שטייט אין פסוק 'נישט צוליב וואס איר (די יודן) זענען אסאך האט דער אייבישטער געגלוסט אין ענק – וויל עטס זענטס די וויניגסטע (אין די צאל) פון אלע פעלקער', וְדָרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ ז"ל (חולין פט.) שֶׁאַתֶּם מַמְעִיטִים עַצְמֵיכֶם לְפָנַי און חז"ל האבן גע'דרשנ'ט אויף די ווערטער פון די פסוק 'כִּי אַתֶּם הַמְעַט' אז דאס מיינט צו זאגן 'ענק מאכטס ענק קליין פאר מיר', הַיְינוּ בְּחִינַת עֲנָוָה וואס דאס מיינט די בחינה פון ענוה.

בְּחִינַת עֲנָוָה וְשִׁפְלוּת.
וּכְמַאֲמַר הַכָּתוּב (דברים ז, ז) 'לֹא מֵרֻבְּכֶם חָשַׁק ה' בָּכֶם כִּי אַתֶּם הַמְעַט מִכָּל הָעַמִּים', וְדָרְשׁוּ רַבּוֹתֵינוּ ז"ל (חולין פט.) שֶׁאַתֶּם מַמְעִיטִים עַצְמֵיכֶם לְפָנַי, הַיְינוּ בְּחִינַת עֲנָוָה.
וְלָזֶה הָיָה עִיקַּר חֵשֶׁק ה' רַק בַּאֲבוֹתֵינוּ, כְּמַאֲמַר הַכָּתוּב (דברים י, טו) 'רַק בַּאֲבוֹתֶיךָ חָשַׁק ה'', כִּי הָאָבוֹת הָיָה לָהֶם בְּחִינַת עֲנָוָה בֶּאֱמֶת.
שֶׁהֵבִינוּ הָאֱמֶת הֵאיךְ שֶׁכָּל הַגְּדוּלָּה שֶׁנָּתַן לָהֶם ה' הָיְתָה מַתְּנַת חִנָּם בִּלְבָד.
וּכְמַאֲמַר חֲזַ"ל (שם) אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא נָתַתִּי גְּדוּלָּה לְאַבְרָהָם אָמַר 'וְאָנֹכִי עָפָר וָאֵפֶר' (בראשית יח, כז).
נָתַתִּי גְּדוּלָּה לְמֹשֶׁה אָמַר 'וְנַחְנוּ מָה' (שמות טז, ז).
נָתַתִּי גְּדוּלָּה לְדָוִד אָמַר 'וְאָנֹכִי תוֹלַעַת וְלֹא אִישׁ' (תהלים כב, ז).
וְלָזֶה רָמְזוּ רַבּוֹתֵינוּ ז"ל בְּאָמְרָם (מגילה לא.) כָּל מָקוֹם שֶׁאַתָּה מוֹצֵא גְּדוּלָּתוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא שָׁם אַתָּה מוֹצֵא עַנְוְתָנוּתוֹ,

## די בחינת עֲנָוָה פון די אָבוֹת

וְלָזֶה הָיָה עִיקַּר חֵשֶׁק ה' רַק בַּאֲבוֹתֵינוּ און דערפאר איז געווען די עיקר ווילן פונעם באשעפער נאר אין אונזערע עלטערן – די אבות הקדושים, כְּמַאֲמַר הַכָּתוּב (דברים י, טו) 'רַק בַּאֲבוֹתֶיךָ חָשַׁק ה'' אזוי ווי עס שטייט אין פסוק 'נאר אין דיינע עלטערן האט דער אייבישטער געגלוסט'.

כִּי הָאָבוֹת הָיָה לָהֶם בְּחִינַת עֲנָוָה בֶּאֱמֶת ווייל די אבות האבן באמת געהאט די בחינה פון ענוה, שֶׁהֵבִינוּ הָאֱמֶת הֵאיךְ שֶׁכָּל הַגְּדוּלָּה שֶׁנָּתַן לָהֶם ה' הָיְתָה מַתְּנַת חִנָּם בִּלְבָד ווייל זיי האבן פארשטאנען די אמת ווי אזוי די גאנצע גדולה (גרויסקייט) וואס דער אייבישטער האט זיי געגעבן איז געווען נאר א מַתְּנַת חִנָּם (א אומזיסטע מתנה).

## די דריי בחינות אֵפֶר - מָה - תּוֹלַעַת

וּכְמַאֲמַר חֲזַ"ל (שם) אָמַר הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא: נָתַתִּי גְּדוּלָּה לְאַבְרָהָם אָמַר 'וְאָנֹכִי עָפָר וָאֵפֶר' (בראשית יח, כז) און אזוי אונזערע חכמים זאגן: דער אייבישטער האט געזאגט: איך האב געגעבן גרויסקייט פאר אברהם האט ער געזאגט (וואס בין איך חשוב) איך בין געווען ווערד צו זיין 'עָפָר' (זאמד) ביי די מלחמה מיט די קעניגן און 'אֵפֶר' (אש) ווען נמרוד האט מיר אריינגעווארפן אין קאלך אויוון.

נָתַתִּי גְּדוּלָּה לְמֹשֶׁה אָמַר 'וְנַחְנוּ מָה' (שמות טז, ז) איך האב געגעבן גרויסקייט פאר משה האט ער געזאגט 'און וואס בין איך ווערד'.

נָתַתִּי גְּדוּלָּה לְדָוִד אָמַר 'וְאָנֹכִי תוֹלַעַת וְלֹא אִישׁ' (תהלים כב, ז) איך האב געגעבן גרויסקייט פאר דוד המלך האט ער געזאגט 'און איך בין חשוב ווי א ווארעם און נישט ווי א מענטש'.

[ב]

## ביאור מאחז"ל: כָּל מָקוֹם שֶׁאַתָּה מוֹצֵא גְּדוּלָּתוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא

וְלָזֶה רָמְזוּ רַבּוֹתֵינוּ ז"ל בְּאָמְרָם (מגילה לא.) כָּל מָקוֹם שֶׁאַתָּה מוֹצֵא גְּדוּלָּתוֹ שֶׁל הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא שָׁם אַתָּה מוֹצֵא עַנְוְתָנוּתוֹ און דאס איז וואס חז"ל האבן מרמז געווען מיט דאס וואס זיי האבן געזאגט 'יעדע פלאץ וואס דו טרעפסט אז עס שטייט אין די תורה די גרויסקייט פונעם באשעפער דארט וועסטו אויך טרעפן די 'עניוות' (דאס קליינהאלטן) פונעם באשעפער'.

פֵּירוּשׁ שֶׁבְּכָל מָקוֹם שֶׁאַתָּה מוֹצֵא שֶׁהִשְׁרָה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא שְׁכִינָתוֹ וּגְדוּלָּתוֹ, אֵין זֶה אֶלָּא מָקוֹם שֶׁיֵּשׁ שָׁם בְּחִינַת עֲנָוָה בֶּאֱמֶת כַּנַּ"ל[ב].

כְּמוֹ הָאָבוֹת הַנַּ"ל שֶׁהָיָה לָהֶם בְּחִינַת אֱמֶת, רָאשֵׁי תֵּיבוֹת אֵפֶר מָה תוֹלַעַת[ג], וְעַל יְדֵי זֶה הִשִּׂיגוּ בְּחִינַת חָשַׁק, רָאשֵׁי תֵּיבוֹת שֶׁל חֲמִשִּׁים שַׁעֲרֵי קְדוּשָּׁה[ד].

וְזֶהוּ עִיקָּר בְּחִינַת קָרְבָּן, נוֹטְרִיקוֹן קָרֵב-נ', שֶׁמְּקָרֵב עַצְמוֹ לִבְחִינַת נ' שַׁעֲרֵי קְדוּשָּׁה, שֶׁזֶּהוּ עִיקָּר הַחֵשֶׁק שֶׁל ה'.

וּלְכַוָּונָה זוֹ הָיְתָה עִיקָּר בְּרִיאַת הָעוֹלָם[ה].

וּמְרוּמָּז בְּפָסוּק 'בָּרָא אֱלֹהִים אֵת' סוֹפֵי תֵּיבוֹת אֱמֶת, מְרַמֵּז שֶׁעִיקָּר בְּרִיאַת הָעוֹלָם הָיְתָה בִּשְׁבִיל בְּחִינַת אֱמֶת, אֵפֶר מָה תוֹלַעַת.

כְּנֶגֶד אַבְרָהָם מֹשֶׁה דָּוִד[ו], בְּחִינַת חֵשֶׁק, בְּחִינַת עֲנָוָה

ב. ועיין עוד משׂ"כ רבינו בפרשת בחקתי ד"ה אם בחקתי (הב'): וזהו כל מקום שאתה מוצא גדולתו של הקב"ה שם אתה מוצא ענותנותו (מגילה לא, א), שלכאורה קשה, שבתחלה אמר כל מקום משמע שכלל הוא בכל התורה כולה, ואחר כך אמר דבר זה כתוב בתורה ושנוי בנביאים ומשולש בכתובים, משמע בדרך פרט רק בג' מקומות אלו. אך נוכל לומר שזהו הכוונה, שהגמרא מפרש היכן הוא המקום שיכולים להשיג משם גדולת הבורא ברוך הוא, ומפרש הגמרא שזה אי אתה מוצא רק על ידי בחינת ענוה, וזהו כל מקום שאתה מוצא גדולתו של הקב"ה, פירוש אם תראה אדם שמשיג גדולת הבורא יתברך, שם אתה מוצא ענותנותו, פירוש מסתמא היה בזה האדם בתחלה בחינת ענוה ושפלות באמת.

ג. שהם לשונות הענוה שאמרו אברהם משה ודוד.

ד. שעל ידי הענוה חשק ה' בהם כדלעיל, ובחינת חשק היא חמשים שערי קדושה.

ה. ר"ל בחינת הענוה שהיא המקום להשראת שכינתו יתברך, היא היתה עיקר כוונת הבריאה לעשיית דירה בתחתונים היינו השראת השכינה בתחתונים.

ו. שאמרו לשונות ענוה אלו.

פֵּירוּשׁ שֶׁבְּכָל מָקוֹם שֶׁאַתָּה מוֹצֵא שֶׁהִשְׁרָה הַקָּדוֹשׁ בָּרוּךְ הוּא שְׁכִינָתוֹ וּגְדוּלָּתוֹ דאס מיינט צו זאגן אז אין יעדע פלאץ וואס דו טרעפסט אז דער באשעפער האט געמאכט רוען זיין שכינה און גרויסקייט, אֵין זֶה אֶלָּא מָקוֹם שֶׁיֵּשׁ שָׁם בְּחִינַת עֲנָוָה בֶּאֱמֶת כַּנַּ"ל איז דאס נישט נאר אין א פלאץ וואס עס איז דא ווי אויבענדערמאנט באמת א בחינה פון ענוה.

כְּמוֹ הָאָבוֹת הַנַּ"ל שֶׁהָיָה לָהֶם בְּחִינַת 'אֱמֶת' אזוי ווי די אויבענדערמאנטע אבות וואס האבן געהאט די בחינה פון אֱמֶת, רָאשֵׁי תֵּיבוֹת אֵפֶר מָה תוֹלַעַת[ד] וואס דיווארט 'אֱמֶת' איז די ראשי תיבות פון אֵפֶר מָה תוֹלַעַת, וְעַל יְדֵי זֶה הִשִּׂיגוּ בְּחִינַת 'חָשַׁק' און דורכדעם האבן זיי דערגרייכט די בחינה פון חָשַׁק[ה], רָאשֵׁי תֵּיבוֹת שֶׁל חֲמִשִּׁים שַׁעֲרֵי קְדוּשָּׁה[ו] וואס די ווארט 'חָשַׁק' איז די ראשי תיבות פון חֲמִשִּׁים שַׁעֲרֵי קְדוּשָּׁה וואס מיינט צו מרמז זיין אז דורך ענוה קומט מען אן צו די בחינה פון חֲמִשִּׁים שַׁעֲרֵי קְדוּשָּׁה.

## די עִיקָּר בְּחִינַת קָרְבָּן

וְזֶהוּ עִיקָּר בְּחִינַת קָרְבָּן און דאס איז די עיקר בחינה פון א קרבן, נוֹטְרִיקוֹן קָרֵב–נ' וואס די ווארט קָרְבָּן איז צוזאמגעשטעלט פון די צוויי ווערטער קָרֵב–נ', שֶׁמְּקָרֵב עַצְמוֹ לִבְחִינַת נ' שַׁעֲרֵי קְדוּשָּׁה דאס מיינט ער ברענגט זיך נאנט צו ענוה וואס איז די נ' שערי קדושה, שֶׁזֶּהוּ עִיקָּר הַחֵשֶׁק שֶׁל ה' וואס דאס איז די עיקר חשק (גלוסטונג) פונעם באשעפער.

## עִיקָּר בְּרִיאַת הָעוֹלָם וועגן די בחינת אֱמֶת

וּלְכַוָּונָה זוֹ הָיְתָה עִיקָּר בְּרִיאַת הָעוֹלָם[ז] און צו די כוונה איז געווען די עיקר בריאת העולם. וּמְרוּמָּז בְּפָסוּק 'בָּרָא אֱלֹהִים אֵת' סוֹפֵי תֵּיבוֹת אֱמֶת און ס'איז מרומז אינעם פסוק 'בָּרָא אֱלֹהִים אֵת' וואס די סופי תיבות איז 'אֱמֶת'.

מְרַמֵּז שֶׁעִיקָּר בְּרִיאַת הָעוֹלָם הָיְתָה בִּשְׁבִיל בְּחִינַת אֱמֶת דאס קומט צו מרמז זיין אז די עיקר בְּרִיאַת הָעוֹלָם איז געווען וועגן די בחינת אמת, אֵפֶר מָה תוֹלַעַת וואס אֱמֶת איז די ראשי תיבות פון די דריי בחינות אֵפֶר מָה תוֹלַעַת, כְּנֶגֶד אַבְרָהָם מֹשֶׁה דָּוִד וואס דאס איז מרמז צו אַבְרָהָם מֹשֶׁה דָּוִד וואס האבן געזאגט די דריי דערמאנטע לשונות, בְּחִינַת חֵשֶׁק וואס ענוה איז די בחינה פון חֵשֶׁק, בְּחִינַת עֲנָוָה וואס די עיקר חֵשֶׁק איז

ד. וואס זענען די אויבענדערמאנטע לשונות פון ענוה וואס אברהם און משה און דוד האבן געזאגט.

ה. וואס די ווארט 'חָשַׁק' איז מרומז אינעם אויבענדערמאנטן פסוק 'רַק בַּאֲבוֹתֶיךָ חָשַׁק ד''.

ו. וואס דורך די מידת הענוה האט דער אייבישטער געגלוסט אין זיי און איז געווען די בחינה פון 'חֵשֶׁק', און די בחינה פון חֵשֶׁק איז די בחינה פון חֲמִשִּׁים שַׁעֲרֵי קְדוּשָּׁה.

ז. דאס מיינט צו זאגן אז וועגן די בחינת ענוה וואס דאס איז וועגן וואס דער באשעפער מאכט רוען זיין שכינה אויף די וועלט, וואס די עיקר רצון פון באשעפער איז דאך געווען צו האבן א א וואוינונג אויף די וועלט.

> לְקָרֵב עַצְמוֹ לִבְחִינַת בִּינָה, בְּחִינַת נ' שַׁעֲרֵי קְדוּשָּׁה כַּנַּ"ל.
> וּבִבְחִינוֹת אֵלּוּ נִתְקָרְבוּ מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן לַמִּשְׁכָּן.
> הַיְינוּ אֵצֶל אַהֲרֹן נֶאֱמַר (ויקרא טז, ג) 'בְּזֹאת יָבֹא אַהֲרֹן וְגוֹ' בְּפַר' וְגוֹ', הַיְינוּ בְּזֹאת מְרַמֵּז לִבְחִינַת חֵשֶׁק, כִּי זֹאת גִּימַטְרִיָּא חֵשֶׁק.
> 'בְּפַר' מְרַמֵּז לִבְחִינַת 'אֵפֶר' שֶׁאָמַר אַבְרָהָם אָבִינוּ ע"ה, פֵּירוּשׁ שֶׁבִּבְחִינוֹת אֵלּוּ בְּחִינַת עֲנָוָה בֶּאֱמֶת 'בְּזֹאת יָבֹא אַהֲרֹן אֶל הַקֹּדֶשׁ' דַּוְוקָא.
> וְגַם אֵצֶל מֹשֶׁה נֶאֱמַר (סוף פרשת פקודי, שמות מ, לה) 'וְלֹא יָכוֹל מֹשֶׁה לָבוֹא אֶל אֹהֶל מוֹעֵד' וְגוֹ', הַיְינוּ שֶׁעַל יְדֵי גּוֹדֶל הַכְנָעָה וְשִׁפְלוּת שֶׁהָיָה לְמֹשֶׁה יָרֵא לָגֶשֶׁת אֶל אֹהֶל מוֹעֵד לִבְחִינָה קְדוּשָּׁה כָּזוֹ שֶׁהָיָה שָׁם הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה[ז].
> וּבַעֲבוּר זֹאת נֶאֱמַר תֵּיכֶף 'וַיִּקְרָא אֶל מֹשֶׁה' בְּאָלֶ"ף זְעִירָא, מְרַמֵּז שֶׁבִּשְׁבִיל בְּחִינַת א' זְעִירָא בְּחִינַת קַטְנוּת בְּחִינַת הַכְנָעָה שֶׁהָיָה לְמֹשֶׁה,
>
> ז. עיין תנחומא בפרשתן פ"א: משה שאמר לו הקב"ה עשה לי משכן, ועמד ונזדרז ועשה משכן, והיה עומד מבחוץ שהיה מתירא לבא אל אהל מועד שנאמר (שמות מ, לה) 'ולא יכול משה לבא אל אהל מועד', אמר הקב"ה אינו דין שמשה שעשה את המשכן יהא עומד מבחוץ ואני מבפנים, אלא הריני קורא אותו שיכנס, לפיכך כתיב 'ויקרא אל משה'.

צו די בחינה פון ענוה, **לְקָרֵב עַצְמוֹ לִבְחִינַת בִּינָה** זיך צו דערנענטערן צו די בחינה פון בִּינָה, **בְּחִינַת נ' שַׁעֲרֵי קְדוּשָּׁה כַּנַּ"ל** וואס ענוה איז ווי אויבען דערמאנט די בחינה פון חֲמִשִּׁים שַׁעֲרֵי קְדוּשָּׁה.

[ג]

## די התקרבות פון משה און אהרן צו די משכן

**וּבִבְחִינוֹת אֵלּוּ נִתְקָרְבוּ מֹשֶׁה וְאַהֲרֹן לַמִּשְׁכָּן** און מיט די בחינות איז משה און אהרן נתקרב געווארן צון די בחינות פון די משכן.

**הַיְינוּ אֵצֶל אַהֲרֹן נֶאֱמַר** (ויקרא טז, ג) 'בְּזֹאת יָבֹא אַהֲרֹן [אֶל הַקֹּדֶשׁ] בְּפַר' וְגוֹ' ווייל ביי אהרן שטייט אין פסוק 'בְּזֹאת - מיט דאס (די בחינה פון 'זֹאת') זאל אהרן אריינקומען צו די הייליגקייט מיט א 'פַּר' וְגוֹ', **הַיְינוּ בְּזֹאת מְרַמֵּז לִבְחִינַת חֵשֶׁק** ווייל די ווארט 'זֹאת' איז מרמז צו די בחינה פון **'חֵשֶׁק'** (ענוה), **כִּי 'זֹאת' גִּימַטְרִיָּא 'חֵשֶׁק' ווייל די ווארט 'זֹאת' איז בגמטריא 'חֵשֶׁק'.**

**'בְּפַר' מְרַמֵּז לִבְחִינַת 'אֵפֶר' שֶׁאָמַר אַבְרָהָם אָבִינוּ ע"ה** די פסוק זאגט ווייטער מיט וואס אהרן איז אריינגעקומען צו די קדושה - 'בְּפַר' וְגוֹ' וואס די ווארט 'בְּפַר' איז מרמז צו די בחינה 'אֵפֶר' וואס אברהם אבינו האט געזאגט[ח].

**פֵּירוּשׁ שֶׁבִּבְחִינוֹת אֵלּוּ בְּחִינַת עֲנָוָה בֶּאֱמֶת 'בְּזֹאת יָבֹא אַהֲרֹן אֶל הַקֹּדֶשׁ' דַּוְוקָא** דאס מיינט אז דווקא ווען מען האט באמת דווקא די בחינות פון ענוה דעמאלסט איז 'בְּזֹאת יָבֹא אַהֲרֹן אֶל הַקֹּדֶשׁ' קען מען אריינקומען צו די קדושה.

**וְגַם אֵצֶל מֹשֶׁה נֶאֱמַר** (סוף פרשת פקודי, שמות מ, לה) **'וְלֹא יָכוֹל מֹשֶׁה לָבוֹא אֶל אֹהֶל מוֹעֵד' וְגוֹ'** און אויך ביי משה שטייט סוף פאריגע פרשה 'און משה האט נישט געקענט קומען אין אהל מועד', **הַיְינוּ שֶׁעַל יְדֵי גּוֹדֶל הַכְנָעָה וְשִׁפְלוּת שֶׁהָיָה לְמֹשֶׁה יָרֵא לָגֶשֶׁת אֶל אֹהֶל מוֹעֵד** דאס מיינט אז צוליב די גרויסע אונטערטעניגקייט און זיך האלטן קליין וואס משה רבינו האט געהאט האט ער מורא געהאט אריינצוגיין אינעם אֹהֶל מוֹעֵד, **לִבְחִינָה קְדוּשָּׁה כָּזוֹ שֶׁהָיָה שָׁם הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה**[ט] צו אזא הייליגע בחינה פון קְדוּשָּׁה וואס דארט (אין אהל מועד) איז געווען די הַשְׁרָאַת הַשְּׁכִינָה.

## א טעם אויף די קליינע 'א' פון ויקרא

**וּבַעֲבוּר זֹאת נֶאֱמַר תֵּיכֶף 'וַיִּקְרָא אֶל מֹשֶׁה' בְּאָלֶ"ף זְעִירָא** און דערפאר שטייט גלייך אין פסוק די ווארט 'וַיִּקְרָא אֶל מֹשֶׁה' מיט א קליינע 'א', **מְרַמֵּז שֶׁבִּשְׁבִיל בְּחִינַת א' זְעִירָא בְּחִינַת קַטְנוּת בְּחִינַת הַכְנָעָה שֶׁהָיָה לְמֹשֶׁה** ווייל דאס קומט צו מרמז זיין אז וועגן די קליינע 'א' וואס ווייזט אויף די בחינה פון זיך קליינהאלטן

ח. ווי עס שטייט 'וְאָנֹכִי עָפָר וָאֵפֶר'.

ט. אין מדרש תנחומא (בפרשתן פ"א) שטייט: **משה שאמר לו הקב"ה עשה לי משכן** [ווען דער אייבישטער האט געזאגט פאר משה 'מאך מיר א משכן'], **ועמד ונזדרז ועשה משכן** [איז ער אויפגעשטאנען און געמאכט א משכן], **והיה עומד מבחוץ** [און ער איז געבליבן שטיין אינדרויסן] **שהיה מתירא לבא אל אהל מועד שנאמר** (שמות מ, לה) **'ולא יכול משה לבא אל אהל מועד'** [ווייל ער האט מורא געהאט אריינצוקומען אינעם אהל מועד אזוי ווי עס שטייט אין פסוק 'און משה האט נישט געקענט אריינקומען אינעם אהל מועד'], **אמר הקב"ה אינו דין שמשה שעשה את המשכן יהא עומד מבחוץ ואני מבפנים** [האט דער אייבישטער געזאגט ס'איז נישט גערעכט אז משה וואס האט געמאכט די משכן זאל שטיין פון דרויסן און איך זאל שטיין אינעווענדיג], **אלא הריני קורא אותו שיכנס** [נאר איך רוף אים ער זאל אריינקומען], **לפיכך כתיב 'ויקרא אל משה'** [וועגן דעם שטייט אין פסוק 'ויקרא אל משה'] .

עַל יְדֵי זֶה 'וַיְדַבֵּר ה' אֵלָיו', שֶׁנִּתְיַיחֵד אֵלָיו הַדִּיבּוּר.

וְעַל יְדֵי שְׁמִירַת שַׁבָּת כָּרָאוּי יְכוֹלִים לְהַשִּׂיג בְּחִינַת אֱמֶת הַנַּ"ל.

וְזֶהוּ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ ז"ל (שבת קיח:) אִלְמָלֵא שָׁמְרוּ יִשְׂרָאֵל שְׁתֵּי שַׁבָּתוֹת כְּהִלְכָתָן מִיַּד הָיוּ נִגְאָלִין, כִּי עַל יְדֵי שְׁמִירַת שַׁבָּת כָּרָאוּי הִגִּיעוּ לִבְחִינַת אֱמֶת[ח], בְּחִינַת חֵשֶׁק הַנַּ"ל, בְּחִינַת בִּינָה, בְּחִינַת חֵירוּת[ט], בְּחִינַת גְּאוּלָה וִישׁוּעָה[י].

וְלָכֵן אַחַר קַבָּלַת הַתּוֹרָה כָּל זְמַן שֶׁשָּׁמְרוּ יִשְׂרָאֵל אֶת הַשַּׁבָּת כָּרָאוּי לֹא הָיְתָה יְכוֹלָה שׁוּם אוּמָּה וְלָשׁוֹן לִשְׁלוֹט בָּהֶם, עַד שֶׁקִּלְקְלוּ בִּבְחִינַת שַׁבָּת, וְיָצְאוּ מִן הָעָם לִלְקוֹט (שמות טז, כז), מִיַּד 'וַיָּבֹא עֲמָלֵק' (שם יז, ח)[יא].

שֶׁבָּא לָהֶן בְּחִינַת גַּסּוּת הָרוּחַ בְּחִינַת עֲמָלֵק, בְּחִינַת אֵל אַחֵר[יב], 'וַיִּלָּחֶם בְּיִשְׂרָאֵל' וְגוֹ', כֵּיוָן שֶׁקִּלְקְלוּ בִּבְחִינַת שַׁבָּת כַּנַּ"ל.

ח. ראה עוד משׁ"כ רבינו בפרשת שמיני ד"ה א"י ע"ד זה: ובחינת אמ"ת כיון שהיא מדה שביעית של הי"ג מדות, לכן נקראת בחינת שב"ת, וזהו שאמרו חז"ל (ירושלמי דמאי פ"ד ה"א) אפילו עם הארץ מתיירא לשקר בשבת וכו', כי שבת הוא מדה שביעית הנקראת אמ"ת כנ"ל.

ט. עיין זוה"ק ח"ב קפג, א [ובפירוש מתוק מדבש שם]: תא חזי מה כתיב (ויקרא כה, י) 'וקדשתם את שנת החמשים שנה וקראתם דרור בארץ' [הנה שנת החמשים היא סוד הבינה], מהכא נפקא חירו לכלא [כי כל ענין החירות שורשה מבינה וממנה נשפעת], ובגין דנפקא מניה חירו, אורייתא דנפקת מניה אקרי חירו.

י. ר"ל שהגאולה שבשבת היא מחמת שע"י השבת יכולים להשיג בחינת ענוה - אמת, שע"י הענוה יש בחינת חשק שהוא חמשים שערי קדושה - בחינת בינה, שהיא בחינת חירות וגאולה.

יא. שבת קיח, ב: אמר רב יהודה אמר רב אלמלי שמרו ישראל שבת ראשונה לא שלטה בהן אומה ולשון, שנאמר 'ויהי ביום השביעי יצאו מן העם ללקוט' וכתיב בתריה 'ויבא עמלק'.

יב. עיין זוה"ק ח"א כט, א: ולא אית בכלהו לטייא כעמלק, דאיהו חויא בישא אל אחר. וכמש"כ רבינו לעיל ריש פרשת בשלח ש'עמלק' בגימטריא 'אל אחר'.

א בחינה פון הכנעה וואס איז געווען צו משה, **עַל יְדֵי זֶה 'וַיְדַבֵּר ה' אֵלָיו'**, דורכדעם איז געווען וואס די פסוק זאגט 'און דער אייבישטער האט גערעדט צו אים', **שֶׁנִּתְיַיחֵד אֵלָיו הַדִּיבּוּר** אז דער אייבערשטענ'ס דיבור איז געווען נאר צו אים.

## דורך שְׁמִירַת שַׁבָּת קומט מען צו די בחינת 'אֱמֶת'

**וְעַל יְדֵי שְׁמִירַת שַׁבָּת כָּרָאוּי יְכוֹלִים לְהַשִּׂיג בְּחִינַת אֱמֶת הַנַּ"ל** און דורך שמירת שבת קען דער מענטש זוכה זיין צו צוקומען צו די אויבענדערמאנטע בחינה פון אמת.

**וְזֶהוּ שֶׁאָמְרוּ רַבּוֹתֵינוּ ז"ל** (שבת קיח:) **אִלְמָלֵא שָׁמְרוּ יִשְׂרָאֵל שְׁתֵּי שַׁבָּתוֹת כְּהִלְכָתָן מִיַּד הָיוּ נִגְאָלִין** און דאס איז וואס חז"ל האט געזאגט 'אויב די יודן וואלטן געהאלטן צוויי שבתות אזוי ווי די הלכה וואלטן זיי גלייך אויסגעלייזט געווארן', **כִּי עַל יְדֵי שְׁמִירַת שַׁבָּת כָּרָאוּי הִגִּיעוּ לִבְחִינַת אֱמֶת** ווייל דורך האלטן שבת ווי אזוי מען ברויך זענען זיי צוגעקומען צו די בחינה פון אֱמֶת, **בְּחִינַת חֵשֶׁק הַנַּ"ל** וואס 'אֱמֶת' איז די אויבענדערמאנטע בחינה פון חֵשֶׁק, **בְּחִינַת בִּינָה** וואס איז די בחינה פון בִּינָה, **בְּחִינַת חֵירוּת** וואס די בְּחִינַת בִּינָה איז א בחינה פון חֵירוּת, **בְּחִינַת גְּאוּלָה וִישׁוּעָה**[י] וואס איז א בחינה פון גְּאוּלָה וִישׁוּעָה.

**וְלָכֵן אַחַר קַבָּלַת הַתּוֹרָה כָּל זְמַן שֶׁשָּׁמְרוּ יִשְׂרָאֵל אֶת הַשַּׁבָּת כָּרָאוּי לֹא הָיְתָה יְכוֹלָה שׁוּם אוּמָּה וְלָשׁוֹן לִשְׁלוֹט בָּהֶם** און דערפאר נאך קַבָּלַת הַתּוֹרָה ווי לאנג די יודן האבן געהאלטן די שבת ווי עס ברויך צו זיין האט נישט קיין שום פאלק און שפראך געקענט געוועלטיגן אין זיי, **עַד שֶׁקִּלְקְלוּ בִּבְחִינַת שַׁבָּת** ביז די יודן האבן שאדן געמאכט די הייליגקייט פון די בחינה פון שבת, **וְיָצְאוּ מִן הָעָם לִלְקוֹט** (שמות טז, כז) און ווי עס שטייט אין פסוק אז די יודן זענען ארויסגעגאנגען קלייבן מָן אין שבת, **מִיַּד 'וַיָּבֹא עֲמָלֵק'** (שם יז, ח)[יא] און גלייך נאכדעם שטייט 'וַיָּבֹא עֲמָלֵק' – 'און עמלק איז געקומען'.

**שֶׁבָּא לָהֶן בְּחִינַת גַּסּוּת הָרוּחַ בְּחִינַת עֲמָלֵק** ווייל דורך די חילול שבת זענען די יודן צוגעקומען צו די בחינה פון גאוה, **בְּחִינַת אֵל אַחֵר**[יב] וואס עמלק איז די קליפה פון גאווה וואס איז די בחינה פון אֵל אַחֵר (פרעמדער אפגאט), **'וַיִּלָּחֶם בְּיִשְׂרָאֵל' וְגוֹ'** און צוליב דעם האט עמלק מלחמה געהאלטן מיט די יודן, **כֵּיוָן שֶׁקִּלְקְלוּ בִּבְחִינַת שַׁבָּת כַּנַּ"ל** וויבאלד זיי האבן שאדן געמאכט די בחינה פון שבת.

י. דאס מיינט צו זאגן אז די בחינה פון 'גאולה' וואס איז דא אין שבת (ווי עס שטייט אין גמרא אִלְמָלֵא שָׁמְרוּ יִשְׂרָאֵל שְׁתֵּי שַׁבָּתוֹת כְּהִלְכָתָן **מִיַּד הָיוּ נִגְאָלִין**) איז וועגן ווייל אין שבת קען מען צוקומען צו די בחינה פון ענוה און 'אמת' (א'פר - מ'ה - ת'ולעת), ווייל דורך די ענוה איז דא די בחינת פון 'חֵשֶׁק' וואס דאס איז די בחינה פון חֲמִשִּׁים שַׁעֲרֵי קְדוּשָׁה וואס דאס איז די בחינה פון בִּינָה, וואס איז א בחינה פון חירות וגאולה.

יא. אזוי שטייט אין גמרא (שבת קיח, ב): **אמר רב יהודה אמר רב** [רב יהודה האט געזאגט אין נאמען פון רב] **אלמלי שמרו ישראל שבת ראשונה לא שלטה בהן אומה ולשון** [אויב די יודן וואלטן געהיט די ערשטע שבת וואלט נישט געוועלטיגט אין זיי קיין שום פאלק און שפראך], **שנאמר 'ויהי ביום השביעי יצאו מן העם ללקוט'** [אזוי ווי עס שטייט אין פסוק 'און עס איז געווען אין די זיבעטע טאג זענען ארויסגעגאנגען פונעם פאלק צו קלייבן מן], **וכתיב בתריה 'ויבא עמלק'** [און עס שטייט גלייך נאכדעם 'און עמלק איז געקומען'].

יב. און אזוי שרייבט דער בת עין אויבן אנפאנג פרשת בשלח אז 'עמלק' איז בגימטריא 'אל אחר'.

## מְאֹד מְאֹד צָרִיךְ לִיזָּהֵר

**לָכֵן מְאֹד מְאֹד צָרִיךְ לִיזָּהֵר שֶׁיִּהְיֶה כָּל עֲבוֹדָתוֹ לַה' בַּסֵּתֶר** און דערפאר דארף א מענטש זיין זייער געווארנט אז זיין גאנצע עבודה פארן באשעפער זאל זיין באהאלטן, **בִּלְתִּי לַה' לְבַדּוֹ** נאר פארן אייבערשטן אליין, **בְּלִי שׁוּם פְּנִיָּה שֶׁל הִתְפָּאֲרוּת חַס וְשָׁלוֹם** און אן קיין שום נייגונג זיך צו גרויסהאלטן חַס וְשָׁלוֹם, **וְהוֹדָאַת בְּנֵי אָדָם** אדער אז מענטשן זאלן אים לויבן דערפאר, **רַק בִּלְתִּי לַה' לְבַדּוֹ בֶּאֱמֶת** נאר פארן באשעפער באמת אליין.

## די עבודת ענוה ביי משה רבינו - וַיִּקְרָא מֹשֶׁה

**וְכֵן הָיְתָה עֲבוֹדַת מֹשֶׁה רַבֵּינוּ ע"ה שֶׁהָיְתָה כָּל עֲבוֹדָתוֹ בַּסֵּתֶר**[יג] און אזוי איז אויך געווען די גאנצע עבודה פון משה רבינו אז זיין זיין עבודה זאל זיין באהאלטן.

**וּמְרוּמָּז בַּפָּסוּק 'וַיִּקְרָא אֶל מֹשֶׁה'** און ס'איז מרומז אין די פסוק 'וַיִּקְרָא אֶל מֹשֶׁה', **פֵּירוּשׁ שֶׁמֹּשֶׁה חִיבֵּר בְּחִינַת 'וַיִּקְרָא' אֶל בְּחִינַת 'מֹשֶׁה'** די פסוק מיינט צו זאגן אז משה רבינו האט באהאפטן די בחינה פון 'וַיִּקְרָא' צו די בחינה פון 'מֹשֶׁה', **וּשְׁנֵי הַתֵּיבוֹת 'וַיִּקְרָא מֹשֶׁה' בְּיַחַד עוֹלֶה גִּימַטְרִיָּא 'בַּסֵּתֶר'** און די צוויי ווערטער 'וַיִּקְרָא מֹשֶׁה' איז צוזאמען בגמטריא די ווארט 'בַּסֵּתֶר' דאס מיינט אז זיין עבודה איז געווען 'בַּסֵּתֶר' - באהאלטן.

## די קליינע 'א' פון ויקרא איז מרמז צו בחינת שַׁבָּת

**גַּם 'וַיִּקְרָא אֶל מֹשֶׁה', בְּאַלֶ"ף זְעִירָא שֶׁהִיא בְּחִינַת יוּ"ד קְטַנָּה שֶׁבְּאוֹתִיּוֹת** אויך וואס די ווארט וַיִּקְרָא שטייט מיט א קליינע 'א' וואס איז אזוי ווי די אות י' וואס איז די קלענסטע פון די אותיות, **וּכְשֶׁנֶּחְלַף יוּ"ד בִּמְקוֹם א' זְעִירָא עוֹלֶה כָּל הַג' תֵּיבוֹת וַיִּקְרָא אֶל מֹשֶׁה גִּימַטְרִיָּא שַׁבָּת** און ווען אונז וועלן טוישן די 'א' פון ויקר'א' מיט א 'י' וועלן די דריי ווערטער 'וַיִּקְרָי(א) אֶל מֹשֶׁה' זיין בגמטריא ווי די ווארט שַׁבָּת, **לְרַמֵּז שֶׁהָיָה לְמֹשֶׁה בְּחִינַת 'בַּסֵּתֶר'** וואס דאס קומט צו מרמז זיין אז משה רבינו האט געהאט אין זיין עבודה איז געווען אין די בחינה פון 'בַּסֵּתֶר' אז נאר דער באשעפער זאל עס זעהן און ער זאל נישט צוקומען צו גאווה, **בְּחִינַת שַׁבָּת בִּשְׁלֵימוּת** וואס דאס איז די בחינה פון שַׁבָּת בשלימות (די פארקערטע פון גאווה).

[ד]

## פשט אין פסוק 'אָדָם כִּי יַקְרִיב מִכֶּם'

**וְאָמַר הַכָּתוּב 'אָדָם כִּי יַקְרִיב מִכֶּם קָרְבָּן לַה'"** און די פסוק זאגט אונז 'אז א מענטש וועט מקריב זיין 'מִכֶּם' (פון ענק) א קרבן צום אייבערשטן', **פֵּירוּשׁ שֶׁעַל יְדֵי בְּחִינַת מִכֶּם** ווייל דורך די בחינה פון 'מִכֶּם', **בְּמֵ"ם סְתוּמָה שֶׁעוֹלָה ת"ר כַּיָּדוּעַ** וואס די ווארט 'מִכֶּם' שטייט מיט א ענדער מ"ם וואס איז ווי באקאנט אין ספרי קבלה אין א 'ם' בגימטריא

---

לָכֵן מְאֹד מְאֹד צָרִיךְ לִיזָּהֵר שֶׁיִּהְיֶה כָּל עֲבוֹדָתוֹ לַה' בַּסֵּתֶר, בִּלְתִּי לַה' לְבַדּוֹ בְּלִי שׁוּם פְּנִיָּה שֶׁל הִתְפָּאֲרוּת חַס וְשָׁלוֹם וְהוֹדָאַת בְּנֵי אָדָם, רַק בִּלְתִּי לַה' לְבַדּוֹ בֶּאֱמֶת.

וְכֵן הָיְתָה עֲבוֹדַת מֹשֶׁה רַבֵּינוּ ע"ה שֶׁהָיְתָה כָּל עֲבוֹדָתוֹ בַּסֵּתֶר[יג].

וּמְרוּמָּז בַּפָּסוּק 'וַיִּקְרָא אֶל מֹשֶׁה', פֵּירוּשׁ שֶׁמֹּשֶׁה חִיבֵּר בְּחִינַת 'וַיִּקְרָא' אֶל בְּחִינַת 'מֹשֶׁה', וּשְׁנֵי הַתֵּיבוֹת וַיִּקְרָא מֹשֶׁה בְּיַחַד עוֹלֶה גִּימַטְרִיָּא בַּסֵּתֶר.

גַּם 'וַיִּקְרָא אֶל מֹשֶׁה', בְּאַלֶ"ף זְעִירָא שֶׁהִיא בְּחִינַת יוּ"ד, קְטַנָּה שֶׁבְּאוֹתִיּוֹת, וּכְשֶׁנֶּחְלַף יוּ"ד בִּמְקוֹם א' זְעִירָא עוֹלָה כָּל הַג' תֵּיבוֹת וַיִּקְרָא אֶל מֹשֶׁה גִּימַטְרִיָּא שַׁבָּת.

לְרַמֵּז שֶׁהָיָה לְמֹשֶׁה בְּחִינַת 'בַּסֵּתֶר', בְּחִינַת שַׁבָּת בִּשְׁלֵימוּת.

וְאָמַר הַכָּתוּב 'אָדָם כִּי יַקְרִיב מִכֶּם קָרְבָּן לַה'", פֵּירוּשׁ שֶׁעַל יְדֵי בְּחִינַת מִכֶּם, בְּמֵ"ם סְתוּמָה שֶׁעוֹלָה ת"ר כַּיָּדוּעַ[יד] גִּימַטְרִיָּא סֵתֶר.

---

יג. ראה להלן ריש פרשת וילך מה שמבאר רבינו כי משה רבינו ע"ה תיקן בחינת הוד בשלימות, ולא היה עבודתו לשום בחינת הודיית בני אדם כלל וכלל, עיי"ש.

יד. עיין שער ההקדמות (פב, ב) ביאור אותיות אלפא ביתא דאי"ק בכ"ר: והואיל ואתא לידן, נבאר סדר חשבון אותיות אלף ביתא דאי"ק בכ"ר וכו', כי הנה אי"ק, הם, שלש אותיות. הראשונה, אחדים. ושניה, של עשרות. ושלישית, של מאות. וכן עד"ז, בשאר אותיות האלפ"א בית"א הנז', ונמצא כי אות ת' של דמ"ת, היא ד' מאות. ואות כ' פשוטים של הנ"ך, היא חמש מאות. ואות ם' סתומה של וס"ם, היא ו' מאות. ואות ן' פשוטה ושל זע"ן, היא ז' מאות. ואות ף' פשוטה, של חפ"ף הוא ח' מאות. ואות ץ' פשוטה, של טצ"ץ, הוא ט' מאות. הרי שבכל כ"ז אותיות של אלפ"א בית"א עם הכפולות, הם, ט' אחדים, וט' עשרות, וט' מאות.

---

יג. ראה להלן ריש פרשת וילך מה שמבאר רבינו כי משה רבינו ע"ה תיקן בחינת הוד בשלימות, ולא היה עבודתו לשום בחינת הודיית בני אדם כלל וכלל, עיי"ש.

**שֶׁיִּהְיֶה כָּל עֲבוֹדַת הָאָדָם בַּסֵּתֶר בִּבְחִינַת עֲנָוָה בְּלִי הִתְפָּאֲרוּת כְּלָל וּכְלָל, עַל יְדֵי זֶה יַגִּיעַ לִבְחִינַת קָרְבָּן, בְּחִינַת קָרֵב-נ', לְהִתְקָרֵב לִבְחִינַת בִּינָה, בְּחִינַת חֵשֶׁק הַנַּ"ל.**

**'וְשָׁחַט אוֹתוֹ עַל יֶרֶךְ הַמִּזְבֵּחַ צָפוֹנָה לִפְנֵי ה'".**

**פֵּירוּשׁ 'צָפוֹנָה' מְרַמֵּז לִבְחִינַת יְרֵיכָא שְׂמָאלָא בְּחִינַת הוֹד[טו]. הַיְינוּ שֶׁעַל יְדֵי שֶׁיְּבַטֵּל מֵעַצְמוֹ בְּחִינַת הוֹדָאַת בְּנֵי אָדָם, בָּזֶה יְתַקֵּן בְּחִינַת הוֹד כַּנַּ"ל[טז].**

---

טו. זוה"ק ח"א כו, ב: נצח שוקא ימינא כו', הוד שוקא שמאלא.

טז. עיין מש"כ רבינו ריש פרשת נצבים: איתא בספרים הקדמונים שעיקר גדול הוא לעבודת ה' שיהיה לאדם בחינת השתוות, היינו שיהיה בשוה אצלו הודיית בני אדם וגנות בני אדם, שלא יהיה נחשב אצלו לכלום, רק העיקר תהיה אצלו לעשות רצון בוראו ית' באימה ויראה כמאן דקאים קדם מלכא פנים בפנים. וזהו נקרא בחינת תיקון הוד, היינו במה שאינו נחשב אצלו הוד של בני אדם, שיודו אותו על מעשיו, ומהפך זה שיהיה בלתי לה' כנ"ל, בזה הוא מתקן בחינת הוד.

זעקס הונדערט, **גִּימַטְרִיָּא סֵתֶר** און לויט די גימטריא איז די ווארט 'מִכֶּם' בגימטריא ווי די ווארט 'סֵתֶר'.

**שֶׁיִּהְיֶה כָּל עֲבוֹדַת הָאָדָם בַּסֵּתֶר בִּבְחִינַת עֲנָוָה בְּלִי הִתְפָּאֲרוּת כְּלָל וּכְלָל** און דאס קומט צו מרמז זיין אז די גאנצע עבודה פונעם מענטש זאל זיין באהאלטן מיט די בחינה פון עֲנָוָה (זיך קלייןהאלטן) אן קיין שום זיך בארימען – אינגאנצן אינגאנצן נישט, **עַל יְדֵי זֶה יַגִּיעַ לִבְחִינַת קָרְבָּן** און דורכדעם וועט ער אנקומען צו די בחינה פון קָרְבָּן, **בְּחִינַת קָרֵב–נ'** וואס קָרְבָּן איז די בחינה פון קָרֵב–נ', **לְהִתְקָרֵב לִבְחִינַת בִּינָה** זיך צו דערנענטערן צו די בחינה פון בִּינָה, **בְּחִינַת חֵשֶׁק הַנַּ"ל** די אויבענדערמאנטע בחינה פון 'חֵשֶׁק'.

## פשט אין פסוק 'צָפוֹנָה לִפְנֵי ד''

**'וְשָׁחַט אוֹתוֹ עַל יֶרֶךְ הַמִּזְבֵּחַ צָפוֹנָה לִפְנֵי ה''** עס שטייט ווייטער אין פסוק **'ער זאל שחט'ן די קרבן נעבן די זייט פון די מזבח אויף צפון זייט - פארן אייבערשטן'.**

**פֵּירוּשׁ 'צָפוֹנָה' מְרַמֵּז לִבְחִינַת יְרֵיכָא שְׂמָאלָא בְּחִינַת הוֹד** וואס 'צָפוֹנָה' איז אין קבלה מרמז צו די לינקע פיס וואס דאס איז מרמז צו די בחינה פון מידת 'הוד', **הַיְינוּ שֶׁעַל יְדֵי שֶׁיְּבַטֵּל מֵעַצְמוֹ בְּחִינַת הוֹדָאַת בְּנֵי אָדָם**[יד] דאס מיינט אז דורכדעם וואס דער מענטש וועט מבטל זיין פון זיך די בחינה אז מענטשן זאלן אים לויבן, **בָּזֶה יְתַקֵּן בְּחִינַת הוֹד כַּנַּ"ל**[טו] מיט דעם וועט ער מתקן זיין די מידה פון 'הוד' ווי אויבענדערמאנט.

**יְהִי רָצוֹן שֶׁנִּזְכֶּה לָזֶה, אָמֵן.**

---

יד. און דאס איז וואס די פסוק זאגט '**צָפוֹנָה - לִפְנֵי ד'**', אז ווען זיין עבודה איז נאר 'לִפְנֵי ד'' דעמאלסט איז עס **צָפוֹנָה** איז עס מתקן די בחינת 'הוד'.

טו. און אזוי שרייבט דער בת עין באריכות אנפאנג פרשת נצבים: **וזהו נקרא בחינת תיקון הוד** [און דאס ווערט אנגערופן די בחינה פון תיקון מידת הוד], **היינו במה שאינו נחשב אצלו הוד של בני אדם** [מיט דאס וואס עס ווערט נישט גערעכנט ביי אים וואס מענטשן לויבן אים], **שיודו אותו על מעשיו** [אז מען זאל אים לויבן אויף זיינע מעשים], **ומהפך זה שיהיה בלתי לה' כנ"ל** [און ער דרייט עס איבער אז אלע זיינע מעשים זאלן נאר זיין פארן באשעפער'ס וועגן], **בזה הוא מתקן בחינת הוד** [און מיט דעם איז ער מתקן די בחינת הוד].

**לזיכוי הרבים:** די גליון איז דא צו באקומען וועכנטליך אין טאשער בית המדרש אין בארא פארק.

צו באקומען וועכנטליך די גליון ביי אימייל און צו באקומען טעגליכע שיעורים אין די ספר בת עין
שיקט א אימייל צו basayinyomi@gmail.com

**נעמט א חלק אין הפצת הגליון און זייט מנדב לעילוי נשמת אייערע קרובים און נאנטע**
פאר הערות און מנדב זיין נא לפנות Mechonusa@gmail.com